# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

פ' וישב - גליון כ"ה


### ר' דוד משה ישראלי ז"ל מיט א רוף פון הימל צו כלל ישראל

# גדול עוונו מנשוא!

## חודש חשון תשע"ז לפ"ק

ברוך דיין האמת - אינעם 'איכלוב' אין תל אביב איז ליידער פריצייטיג נפטר געווארן א טייערע אינגערמאן הרה"ח ר' דוד משה ישראלי ז"ל א צאנזער חסיד וואס האט געוואוינט אשדוד, און נאך א לענגערע קראנקהייט איז ער נפטר געווארן אין בלויזן עלטער פון 43 יאר.

ר' דוד משה ז"ל האט געטראגן דעם נאמען פון האדמו"ר רבי דוד משה מקרעטשניף זיע"א. זיינע בחורישע יארן האט ער פארבראכט אין די צאנזער ישיבה וואו ער איז גאר שיין געשטיגן בתורה ובעבודה.

פאר ר' דוד משה איז אבער נישט באשערט געווען קיין גרינג לעבן. א אינג קינד איז ער נאך געווען ווען זיין לייטזעליגער פאטער, ר' שלמה ז"ל, איז טראגיש אוועקגעריסן געווארן פון איהם, נאכן זיין פארמישט אין א שרעקליכן עקסידענט אויפן וועג קיין צפת.

ווען ר' דוד משה האט שוין ענדליך זוכה געווען אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, האט ער נאך געדארפט ציווארטן עטליכע יאר ביז השי"ת האט איהם מזכה געווען מיט קינדער. דאס איז אין צוגאב צו נאך פילע אנדערע צער ומכאובים מיט וועלכע ר' דוד משה האט זיך ליידער געפלאגט. בפרט אין די לעצטערע יארן ווען ער האט זיך געמוטשעט מיט א ביטערע מחלה, וואס האט איהם פאראורזאכט יסורים נוראים רח"ל.

די איינציגסטע זאך וואס האט איהם מחזק געווען איז געווען די הייליגע תורה אין וועלכע ר' דוד משה פלעגט הארעווען בכל עת וזמן בהתמדה רבה. די יסורים זיינע האט ער אנגענומען באהבה ובדמי', ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט אדער באקלאגט. זיינע באקאנטע ווייסן צו דערציילן אז אין יעדן מצב וואס ער זאל נאר האבן געווען, האט ער די שמייכל פון זיין פנים נישט אפגעטאהן. ער האט שטענדיג געזוכט ארויסצוהעלפן א צווייטן און אלס געהאט א גוטווארט צו זאגן.

א גאר נאנטע ידיד האט ר' דוד משה געהאט וועלכע האט איהם כסדר פרובירט צו העלפן און פארגרינגערן. דאס איז ר' יעקב שמשון נחום יאקאבאוויטש הי"ו, מחשובי חסידי סאטמאר אין בני ברק וועלכע איז איהם געשטאנען צו די האנט ביזן לעצטן מינוט מיט גרויס געטריישאפט.

עס איז ליידער געווען א גזירה מן השמים אז ר' דוד משה זאל מוזן איבערלאזן די וועלט אין זיינע בליענדע יארן. כ"ז חשון תשע"ז לפ"ק איז ר' דוד משה ז"ל נפטר געווארן איבערלאזענדיג יבדלחט"א זיין פרוי און צוויי קליינע יתומים ל"ע. ער איז געקומען לקבורה אינעם צאנזער בית החיים, הארט נעבן זיין פאטער.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

## פרשת וישלח תשע"ח לפ"ק

אשדוד, ארץ ישראל - אשדוד קאכט איבער א מורא'דיגע מעשה מיט א חלום פון א איד וואס איז נישט לאנג צוריק נפטר געווארן, און איז אצינד געקומען אין חלום צו זיינס א נאענטן פריינט, איבערצוגעבן א פחד פון א מעסעדזש פאר כלל ישראל.

עס רעדט זיך פון אונזער ר' דוד משה ישראלי ז"ל, וועלכער איז דעם פארגאנגענע וואך געקומען אין חלום צו זיין געוועזענעם נאענטן חבר להבחל"ח הרב הערשעלע כהנא שליט"א מספינקא, און זיין פנים האט אויסגעזעהן זייער צעקלאפט און צעבראכן. הרב כהנא שליט"א דערציילט אז ער האט איהם געפרעגט אין חלום "פארוואס זעהסטו אויס אזוי שלעכט, צו זענען דיינע אלע ביטערע יסורים וואס דו ביסט ליידער אדורך געגאנגען אויף די וועלט נישט צוניץ געקומען אין עולם העליון?"

האט איהם ר' דוד משה ז"ל געענטפערט בזה"ל: "אט דאס בין איך דיר געקומען זאגן, אז די יסורים זענען טאקע מכפר אויף די עבירות, אבער אויף איין עבירה העלפט עס בכלל נישט, דאס איז דער עון נורא פון "רעדן בשעת'ן דאווענען", וואס אויף דעם שטראפט מען מיט שרעקליכע עונשים, און קיין שום אנדערע חשבונות העלפט נישט דערויף".

און דער נפטר האט אויסגעפירט:


הרה"ח ר' דוד משה ישראלי ז"ל שקוע אין די גמרא

"דעריבער קום איך דיר עס דא זאגן, אז דו זאלסט עס מפרסם זיין אין מיין נאמען, ר' דוד משה ב"ר שלמה, און אפשר אין דעם זכות וועט מען פארגרינגערן מיין פסק דין אויפ'ן עולם האמת."

אט די הימלישע מעשה איז אויסגעהאנגען געווארן אין אלע בתי מדרשים, איבער גאנץ ארץ ישראל און האט אויפגערודערט מדן ועד באר שבע. אין פילע בתי מדרשים האט מען לאור דעם חלום אונטערגענומען פארשידענע פעולות לטובה און פילע אידן האבן זיך מקבל געווען מהיום והלאה צו זיין נזהר בכבוד התפלה כראוי און נישט אויסרעדן מתחלת התפלה ועד סופה.

יש דין ויש דיין!

## דברי התבוננות לאור פון דעם חלום

**מהר"ר פנחס שפיטצער שליט"א**

ס'איז דא וואס האבן געפרעגט ווי אזוי קומט צו א "איש תם וישר" צו רעדן בשעת'ן דאווענען ר"ל? שתי תשובות בדבר: ערשטנס קען זיין, אז מעגליך אז ער איז נאר די ערשטע פערציג יאר נכשל געווארן ל"ע, אבער ער האט קיינמאל נישט געהעריג מתקן געווען דעם עבר. און דארט בעולם האמת פארלאנגט מען תשובה און חרטה אויף אלעס וואס מען האט אפגעטון אפילו פון די אינגע יארן. און טאקע ביי דער ענין שרייבן די פוסקים שרייבן קלאר, אז אויב איינער איז נכשל געווארן און גערעדט בשעת'ן דאווענען. זאל זיין תשובת המשקל זיין, מיט דעם וואס ער וועט מעורר זיין אנדערע. וואס דער השפעה פון אזא סארט מענטש, איז געווענליך אסאך שטערקער. (אדער קען מען מחזק זיין די וואס זענען עוסק אין דעם...).

און שנית, ס'איז נישט אזא דבר רחוק אז אפילו ירא ושלם זאל נכשל ווערן ה"י. ס'דא אזא מעשה אין "ספר חסידים". דער טור (סי' רסח.) אין הלכות שבת איז מעתיק דער לשון פון ספר חסידים: מעשה בחסיד אחד, וואס האט געזען א צווייטער חסיד אין חלום, און געזען אז זיין פנים איז מוריקות (מוריקות טייטשט גרין, וואס דאס מיינט פונקטליך שטייט נישט, אבער לכאורה נישט קיינע פרייליכע זאכן...) האט ער אים געפרעגט "למה פניך מוריקות"? האט ער אים געענטפערט ווייל ער האט גערעדט בשעת'ן זאגן "ויכלו" און "מגן אבות". און "קדיש". און וועגן דעם האט ער באקומען דעם עונש. מען רעדט דא פון איינער וואס פארדינט דער טיטל פון חז"ל "חסיד" - המתחסד עם קונו און מ'האט אויבן אפיר געהאלטן אויף דער ענין פון רעדן בשעת ויכלו. אלא מאי, קען זיין אז אפילו א ערליכע איד זאל נכשל ווערן ח"ו.

און אפשר טאקע דערפאר האט מען אים געגעבן דער געלעגנהייט צו קומען צו זיין חבר דער חסיד אין חלום. וואס נישט יעדער איז זוכה צו דעם. און דער הייליגע טור האט געשפירט פאר וויכטיג אז כלל ישראל בכל הדורות זאלן וויסן פון דער מעשה פונעם חלום און מ'זאל אכטונג געבן נישט נכשל צו ווערן חס ושלום צו רעדן בשעת ויכלו און מגן אבות.

און מעגליך אז דער זעלבע לעניננו, דער נפטר ע"ה נאר ווייל ער איז געווען א "איש תם וישר" האט ער געהאט דער זכיה צו קענען קומען אין חלום און מעורר זיין כלל ישראל איבער די הארבקייט פון דער ענין און מיט דעם האבן א תיקון פאר זיין אייגענע נפש.

*

א צווייטער האט זיך געוואונדערט אויף דאס וואס דער נפטר האט געזאגט אז אלע עבירות קענען אויסגעמעקט ווערן מיט יסורים וכדו' אויסער דער חטא פון דיבור בשעת התפלה. איז דען דאס פון די שלש עבירות?...

וואס טוט זיך דארט אויבן ווייסן מיר נישט, אבער לאמיר געבן א קוק אין היסטאריע, אין שטאט אוסטרה האט אויסגעבראכן א מגיפה און הרה"ק רבי יעקב יוסף מאוסטרה זצוק"ל האט עס תולה געווען אין דער ענין פון קדושת ביהמ"ד. ס'איז א סיפור ידוע אז אין דער שטאט פוזנא איז געווען א מגיפה און מ'האט נישט געוויסט בשביל מי הרעה הזאת, ביז ירמי' הנביא האט מגלה געווען אז ס'איז וועגן מען איז נישט נזהר אין קדושת ביהמ"ד און דערציילט אז ווילאנג מ'האט אכטונג געגעבן אויף מורא מקדש איז דער ביהמ"ק נישט חרוב געווארן.

אין מדרש חז"ל ווערט געברענגט אז אליהו הנביא האט געזען אלף גמלים טעונים חרון אף, האט ער געפרעגט וואס דאס איז? און מ'האט אים געענטפערט, אז דאס איז צו שטראפן דער וואס רעדט אינמיטן קדיש ה"י.

דאס איז מקובל וידוע אז נאך די גזירות ת"ח ות"ת וואס דאס איז ליידער געווען פון די ערגסטע שחיטות און הריגות אין כלל ישראל, האט דער הייליגער תוס' יו"ט געמאכט א שאלה חלום מן השמים פארוואס כלל ישראל איז אזוי געשטראפט געווארן? און מ'האט אים פון הימל געענטפערט אז ס'איז געווען וועגן מ'האט מזלזל געווען אין קדושת ביהמ"ד און ער האט דעמאלס מתקן געווען דער מי שברך. דאס איז יא פארשטענדליך?... מגיפות און הריגות וועגן אן עבירה וואס ווערט נישט בפירוש דערמאנט אין די תורה?...

און אפילו אויף דער צווייטער וועלט מלחמה איז דא מאמרים אז עס האט געהאט שייכות מיט דער ענין. דער אמרי אמת מגור זצוק"ל האט געזאגט, אז דעריבער האבן די ספרד'ישע נישט געליטן פון דער רשע ימ"ש, ווייל זיי זענען געווען נזהר נישט צו רעדן ביים דאווענען.

אלא מאי, מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם, צו דער חלום איז אמת ווייסן מיר נישט, אבער ס'איז זיכער אז ס'איז א דבר שיכול להיות, און מיר דארפן אכטונג געבן בזהירות יתירה און אדרבה, דער וואס איז נזהר אין דעם, איז זיין שכר בכפלי כפליים.


בס"ד

מעשה נורא שאירע בעירינו בני ברק יצ"ו

לפני חודשים אחדים נפטר בעירינו איש תם וישר ר' דוד משה ב"ר שלמה ישראלי ז"ל, הנפטר סבל במשך ימי חייו הרבה מכאובים וכמה שנים עבר עליו מסכתא קשה של יסורים קשים ומרים ל"ע, ולהבחל"ח ידידינו העסקן הח' ר' יעקב שמשון נחום יאקאבאוויטש הי"ו עמד לו לעזר בכל עת דוחקו.

ויהי בשבוע העעל"ט בא הנפטר הנ"ל בחלום הלילה לידיד נפשו וחברו הנאמן ר' צבי כהנא שיבלחט"א ומראה פניו הי' רע מאד, שאלו ר' צבי: מדוע פניך רעים האם לא טוב לך שם בעולם העליון ? האם לא עמדו לך לזכות היסורים הקשים שעברו עליך כל השנים למרק את כל עוונותיך ?

השיב לו הנפטר ר' דוד משה ז"ל: לכן באתי אליך להודיע לך כי על אף שהיסורים מכפרים על כל העוונות, אך על עוון אחד אינו מכפר שום יסורים ונענשים ע"ז בעולם העליון ה"י, וזה עוון שיחה בשעת התפילה, אשר על זה מקבלים עונשים מרים וקשים ולא מועיל שום חשבון ל"ע.

והמשיך הנפטר לידידו: ואני מבקש ממך שתפרסם סיפור זה בשמי שיהי' לזכותי ולכפרתי אולי כך יקל עונשי בזכות הרבים.

ר' צבי הנ"ל נבהל ומשתומם התקשר מיד למחרת לר' יעקב יאקאבאוויטש הי"ו וביקשו שיפרסמו בשמו ושיאמרו שיהי' לטובת נשמת ר' דוד משה ב"ר שלמה ע"ה.

לאור המעשה הנורא נקבל נא על עצמינו מחדש להתחזק בכל תוקף ועוז להישמר מאיסור שיחה בשעת התפילה, ועי"ז אך טוב וחסד ירדפונו כל ימי חיינו בזה ובבא

**די מודעות אין בני ברק איבער דעם מורא'דיגן חלום**

## ויהי בבוקר ותפעם רוחו

אין צוזאמענהאנג מיט די מורא'דיגע חלום וועלן מיר ברענגען נאך אן ענליכע ערשטהאנטיגע עפיזאד וואס איז נתפרסם געווארן אין א גליון לחיזוק התפלה, מיט עטליכע וואכן צוריק.

עס דערציילט ר' יואל קלאפהאלץ שליט"א פון ירושלים:

"די מעשה האט פאסירט זומער תשע"ו. איך בין אסאך פארנומען מעורר צו זיין אידן נישט צו רעדן בשעת התפלה. דעם פארגאנגענעם יאר האב איך געדארפט צוזאמשטעלן א גרויסע סומע געלט פאר א קראנקע איד. עס איז געווען א איד אין לאנדאן וואס האט מיר געגעבן א שיינעם סכום פאר דעם צוועק, און דורך דעם איז געשאפן געווארן א שטיקל קשר צווישן אונזביידע. עטליכע חדשים שפעטער איז דער איד ליידער נפטר געווארן איבערלאזנדיג אן אלמנה מיט יתומים רח"ל.

איין אינדערפרי, איז איינער פון זיינע קליינע קינדער אויפגעשטאנען מיט קולות. ווען עס איז ענדליך געלונגען איהם צו בארואיגן, האט ער דערציילט אז די טאטע איז איהם געקומען אין חלום זאגענדיג אז ער האט נישט קיין מנוחה אויבן אין הימל ווייל מען שטראפט איהם מיט יסורים נוראים וויבאלד ער האט גערעדט ביים דאווענען. דער טאטע האט געזאגט פארן קינד אז ער זאל מיר איבערגעבן אז איך זאל מפרסם זיין אין די וועלט אז אין הימל איז דאס רעדן ביים דאווענען גאר א הארבע זאך.

ומקדשי תיראו אני ה'.